די גרויסע ברוינע מאַמע נישטאָ.
אַ בודע. אַ הונט. אַ הונט מיט צוויי אויגן.
עס דאַכט זיך זיי שרייען! מען האָט אונדז געשלאָגן,
גאָט, מען האָט אונדז געשלאָגן!

(„אַ יתומל לאַכט”)

איגעם גרויסן יידישן וואַרשע פון פאַר דער מלחמה פלעגט ישראל שטערן נישט איין מאָל האָבן משמורתן איבער די גאַסן, נישט האָבנדיק ווו איבערצושלאָפן אַ נאַכט. בעת זיין אַרומגייַן פלעגט ער זיך אָנטרעפן אויף קינדער-יתומים, וואָס האָבן בעסער אויסגעקליבן די פרייע גאַס פאַר זייער מקום-מנוחה, ווי וווינען אין יתומים-הייזער. ער האָט מיר אַ מאָל דער־ציילט, ווי ער האָט אויף די האַרטע שטיינער געזען קינדער ליגן און קוקנדיק אויף זיי האָט ער אַרויסגענומען אַ בלייער און פאַרצייכנט אַ תפילה צו די האַרטע שטיינער:

נאַכט שפּירט אין שלאָף:
די גאַסן הערן אויף באַקלאָגן
זייער פוסטקייט:
אַ יונג זינגט.
— —
ער האָט נישט ווו צו שלאָפן.
שטרענג פאַרקלאַפּט די טויערן,
ווי דער קבר פון זיין טאַטן,
און ליכט געבליבן אַלע פענצטער,
ווי ער און אַ מאַמען.

(„אַ יתומל זינגט”)

ישראל שטערן האָט וועגן אָרעמקייט געזונגען נישט נאָר ביים שרייב־טיש. דער תלמודישער אָנזאָג: „הזהרו בבני עניים” — זייט אָפּגעהיט מיט די אָרעמע! — חזרט זיך איבער ווי אַ באַגלייט-מאָטיוו אין זיינע לידער און עסייען. אָרעמקייט — האָט ער געשריבן — איז אַ גלאַנץ פון אינע־ווייניק, בעת רייכקייט איז פון אויסנווייניק. ביי די אָרעמע — „דאָ האָט מען צו טאָן מיט די איידלסטע”. און „אַ קינד איז ווייניקער קינד ווען

די מאַמע איז אַן אָרעמע וועשין״. אַזעלכע פּאָעטישע אויפבליצונגען באַ־געגנט מען אין אַ ריי לידער זיינע. אין איין געדיכט, ווען ער שילדערט מענטשן וואָס הונגערן — מסתמא פון אייגענער דערפאַרונג — באַזינגט ער זייער קול און אויג, וואָס איז אַנדערש ווי ביי די זאַטע:

אַז זיי זאָגן „מענטש״ ווערט דער וועלט אַזוי באַנג,
ווי מ׳וואָלט די גאָלדענע האָר פון דער זון אָפּגעשוירן.
און אַז זיי זאָגן „צווייג״ — ווערן די וועלדער קראַנק,
גלייך די פייגל האָבן די נאָטן פאַרלוירן.
און אַז זיי זאָגן „היי״ — איז אַ שריפה אין דעם סטויג,
ווייל אַנדערש, אַנדערש, אַנדערש זייער קול, זייער אויג.
(„מענטשן וואָס הונגערן״)

פּאָעטיש גאָלד פון גאָר אַ הויכער פּראָבע גלאַנצט אַרויס פון שטערנס לידער, אין וועלכע ער באַווייזט „אויפצוריגלען די טיר פון אַ מענטש־לעכער טרער״ און „צעשניידן אַ שמייכל אויף צווייען כדי צו זען ווי ער זעט אויס פון אינעווייניק״. ער האָט געגלייבט אין גוטסקייט וועמעס בליק איז אַ מאַמע, וואָס קאָן פאַר איר קינד אימהדיקע בערג פון אָרט אוועקרוקן.

דער פּאָעט האָט געשפּירט, אַז צווישן דעם רעאַלן אָביעקט און סימ־באָל איז דאָ אַ שטח וואָס דאַרף דיכטעריש גערעקט ווערן דורך אימאַזש, איבערלעבונג, עמאָציע און וויזיע. דיכטעריש האָט ער זיך געצויגן צום מיטאָס, צו דעם קנופּ פון אַלע גורל־פאַרוויקלטקייטן און איז אָפּט אַריינ־געפאַלן אין דעם טראַנס פון אַבסאָלוטער אינטימיטעט מיט דער קדושה פון טיפער רעליגיעזיטעט; פון באַוווּנדערן די סודות פון דער וועלט, אירע איבערראַשונגען, וועלכע מאַכן העכער דעם בן־אדם, מער מענטשישער, „מער מענטשיש, ווייל מער געהיימניספול״.

פון זיין קול־דממה־דקה האָט ער אַרויסגעקוקט צום בליץ, צו די קולות וברקים, מיט וועלכע גאָט וואָלט געוואָלט, דורך דעם שפּרונג פון אַ שטיק קאָסמיש פייער „אַריינהילכן אין אויער אַ פלאַמיקע געשיכטע, וואָס ער האָט אויפגעקריצט ערגעץ אין אַ וואַלקן״.

די נאַטור איז רחבותדיק, דאָך נישטאָ ביי איר קיין פּלאַץ אויף צע־וואָרפנקייט. איין דערשיינונג הענגט אויף דער צווייטער, ווי אַ שלאָס אויף

דער טיר, און דער שליסל צו דעם שלאָס איז נישט אין דער וויסנשאַפט, נאָר אין אונדזער האַרצן. דאָרטן איז פאַראַן די מאָס און וואָג צו גרויס און קליין אין קאָסמאָס:

וויפל וועלט און ווינט גייט אַרויף
אויף איינאיינציקן געזיכט?
ווינציק. ווי אַ טרער מיט נאָך אַ טרער.
און וואָס איז זון?
אַ מעסטל ליכט.
נישט מער.

נאָר זעט איר אַלע אויף די גאַסן
דעם מענטש, דעם שר,
וואָס גייט און קיניגט
צווישן וואָלקן און טראָטואַר?

וואָס קאָן זיין הייליקער?
וואָס קאָן זיין שענער?
(„זינגען די מויערן די איביק באַוואַכטע")

ווי אַ קאָנטראַסט צו דער רחבות פון קאָסמאָס איז דאָס פיזישע אינעם מענטש, איינגעקוועטשט גליד ביי גליד אין ענגשאַפט. זיין קערפּער איז באַגרענעצט, זיין טריט איז קליין, אָבער רחבותדיק איז זיין גייסט. זיין רוח וואָס נעמט אַרום די הימלען שאַטנט זיך אין יעדן וואַלד און שפּיגלט זיך אין די וואַסערן. אָבער מענטש טאָר זיך נישט גרייסן! זיינע גרויסע אַנטדעקונגען האָבן נישט פאַרשטאַרקט דעם קשר צווישן מענטשן און לעבן.

ישראל שטערן איז אין טיפערן זינען תמיד געווען אַ רעליגיעזער דיכ־טער. ער האָט געזוכט דעם וועג צו גאָט — נישט תמיד דורך ריטואַל, נאָר עטיש, קינסטלעריש; ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך דורך ריי־טואַל, — בענטער צו ווערן צום מענטש. אין אַ שמועס מיט מיר האָט ער דערמאָנט אַ וואָרט פון סוויפטן, אַז „מיר האָבן היינט גענוג רעליגיע צו

קענען פײנט האָבן, אָבער נישט גענוג צו קענען אײנער דעם צװײטן ליב האָבן". ער האָט בײַ דער געלעגנהײט באַמערקט, אַז דער אונטערשײד צװישן די הײליקע שריפֿטן און דער װעלטלעכער דיכטונג דריקט זיך צװישן אַנדערן אױך אױס אין דעם, װאָס די הײליקע כּתבֿים זענען געשריבן פֿון דער נאַטור אַלײן. דערפֿאַר שפּירט מען דאָרט אַזאַ טיפֿע בענקשאַפֿט צום מענטש. װעלטלעכע דיכטונג איז געשריבן פֿונעם מענטש, װאָס זוכט אַ דערנענטערונג צו דער נאַטור, דעריבער איז דאָרטן אַזאַ בענקשאַפֿט צו גאָט. שטערן האָט מיר דערצײלט, װי ער פֿלעגט אין שלאָפֿלאָזע נעכט דערשפּירן דאָס װאָס משה לייב האַלפּערן באַצײכנט: „אַ פּנים אַז נישט מיט אױערן הערט מען װען מען ליגט אַלײן אַן שלאָף און מען טראַכט / און אַ פּנים אַז נישט מיט די אױגן זעט מען די װעלט אין דער פֿינצטער אין מיטן דער נאַכט".

אין יענע שלאָפֿלאָזע נעכט האָט שטערן אױך געשפּירט די פֿײערצונגען פֿון די טױטלאַגערן — אַ סך יאָרן פֿריִער װי זײ זענען געקומען.

> אין יענער נאַכט װעט מען אַן אַלטן ייִדן הענגען
> אױף דעם װײַכן לעדער
> פֿון רצועות צװישן הײ אין אַ שמעקעדיקן שײער,
> און אַזױ פֿיל שרעק װעט הױערן אין די סעדער,
> אַז אַ גאַנצע נאַכט װעלן די װעכטער ברענען פֿײער.
> („ס'װעט געשען")

ישראל שטערן װערט פֿאַררעכנט פֿאַר אײנעם פֿון אונדזערע טראַגישסטע ייִדישע פּאָעטן. אין זײַן ליד איז פֿאַראַן אַפּאָקאַליפּטישע שפּירונגען פֿון גױים, פֿון װעמעס גרױע אױגן אַ מעסער בליצט אַרױס און אױסגעדרײט מיט זײַן שפּיץ גלײַך צו אונדזער צײַט. ער זינגט אױס זײַנע שפּירונגען פֿון טױטאַנגסטן און מהומהדיקע גורל־צײכנס, אָנגעשריבענע אױף דער װאַנט, װי פֿאַר די אױגן פֿון דניאלן.

אַ מערקװירדיקע דערשײַנונג איז פֿאָרגעקומען מיט דעם דיכטערס פֿינצטערער װעלט, בעת ער איז געלעגן אַ לענגערע צײַט אין שפּיטאָל. זײַן האַרבסטיקער אומעט איז דאָרטן פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין פֿרילינג־דיקער מילדקײט און צאַרטקײט.

ישראל שטערן האָט דורכגעלעבט אַט דעם פרילינג־דעלירים ליגנדיק אויפן שפּיטאָל־בעטל, ווען אַלע זיינע רמ״ח אברים זענען דורכגעזאָפּט געוואָרן מיט אַ ליבשאַפט, „וואָס גייט ווי אַ דאָקטער פון בעטל צו בעטל״:

און פון וואַן איז די ליבשאַפט, וואָס הענגט ווי אַ בליצלאָמפּ
און רייסט־אויף פון שלאָף דעם, וואָס חלומט אַליין,
ביז אַלע זעצן זיך אויף — ווייסע אין שטילקייט,
קוקן — טראַכטן — און פּלוצלונג — נעמט אָן אַ געוויין?

דער דיכטער האָט געזען ווי די קראַנקע זענען גרייט צו ווערן הייליק, ווייל כביכול אַליין שפּאַצירט אַרום דאָרט.

דער דיכטער שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם פּאַרנאַכט, דעם בין־השמשות אין שפּיטאָל, ווען אויבן אין הימל זעט אויס ווי עמעץ איז דאָרט שוואַך און ער ליגט אין ווייסן בעט און ברענט. ער קוקט דורכן פענצטער אויפן שליסן זיך פון געוועלבער־טירן, וועלכע לייגן זיך צונויף ווי שטילע הענט און ביי די לעצטע שטיקער בלוט פון טאָג ווערט די גאַנצע שטאָט אויסגעפּיינערט. די קראַנקע פאַרטראַכטן זיך וועגן זייערע היימען, קוקנדיק אויפן הימל.

אַט די וווּנדערלעכע פּאָעמע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די ליטעראַרישע קרייזן. דער נאָמען ישראל שטערן איז איבער נאַכט געוואָרן אַ שם־דבר אין דער יידישער דיכטונג. זיין צווייטע גרעסערע פּאָעמע „אפרים גאָלדברוך״ איז ליידער געבליבן נישט פאַרענדיקט. אָבער דער אויפגעשריבענער טייל — פון אַ פּלאַנירטער גרעסערער אַרבעט — איז באַהויכט מיט דעם לויטערן גלאַנץ פון ריינעם פּאָעטישן גאָלד.

ווי אַן אַסטראָלאָגער, האָב איך פיל מעשיות געהערט וועגן דעם מערקווירדיקן חסיד, ר׳ אפרים גאָלדברוך, וועלכער האָט ר׳ מענדעלע קאָצקערס ביטול פון קאָנווענציאָנעלע לעבנס־פאָרמען פּראַקטיצירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן.

ישראל שטערן האָט, ווי אַן עלטערער ישיבה־בחור, געלערנט מיט יינגערע ישיבה־בחורים אין הויז פון ר׳ אפרימען, אַ גבירישע הויז, אין וועלכן דער בעל־הבית אַליין האָט זיך געשפּירט ווי אין אַ שטייג... אין זיין שניטקראָם האָט אַ גאַנצן טאָג געבריענט דער מסחר, אָבער ער האָט

זיך מיט דעם נישט פֿאַרנומען. פֿון פֿאַר טאָג ביז סוף אין דער נאַכט פֿלעגט ער דאַווענען און לערנען.

זייענדיק אַ בין־בית ביי ר׳ אפרימען, האָט ישראל שטערן געקענט זען פֿון דער נאָענט, ווי אַזוי דער שיינער ייִד ווערט באַהאַנדלט פֿון זיין פּלוניתטע:

...אַ שיינער ייִד! — האָבן אַלע געזאָגט,
ווי מ׳זאָגט האַלב־חודש: פֿאַראַ שיינע נאַכט!
בימַטו געווען ווי די לבנה
און האָסט קיין היים נישט געהאַט.

אין דער פֿאַמע זענען פֿאַראַן פּרעכטיקע פּאָעטישע אימאַזשן וועגן ר׳ אפרימען, וועלכער איז געווען אין נגידישן הויז „אַ גרויזאַמער בריוו אין אַ צאַרטן קאָנווערט״. און וועגן אַן אַנדערן בן־עיר, כאַצקל קופּערמינץ, אַ חסיד מיט אַ פּאָעטישן געמיט, וועלכער שטייט שוין יאָ אין קראָם, אָבער, מער ווי פֿון קונים האָט ער הנאה געהאַט, ווען ער האָט פֿאַר נאַכט געזען ווי צו די קראָמטירן „פּאַסט צו די זון פֿון בלוט אַ שליסל״... און „שאָטנס פֿאַלן צו דער ערד האַלדוגדיק די שטיינער״. און כאַצקל קופּערמינץ, דער נישט־פּראַקטיצירנדיקער דיכטער, פֿאַרגעסט — און דערמאָנט זיך — און ס׳גלוסט זיך אים וויינען. ער קוקט אויף די ציגלהייזער, וואָס זענען אַזוי שטאָלץ געווען מיט איין שעה פֿריִער, ווי קלוגע וואָס האָבן אַ סך געזען במשך פֿון טאָג און איצט, פֿאַר נאַכט, שטייען זיי „אין זיך פֿאַרטראַכט און פֿרום געבויגן... און סוף־כל־סוף נאָר איינס דערזען: מען מוז גלייבן״.

★

ישראל שטערן, וועלכער האָט אין זיינע לידער זיך געבעטן ביי די מענטשן זיי זאָלן נישט שטיין מן הצד פֿון לעבן („גוטע! שניידט זיך אין לעבן אַריין ווי אַ שרויף״), איז אַליין געגאַנגען אין התבודדות מיט אַ זיי־טיקער סטעזשקע, זיין גאַנצער לעבנס־שטייגער איז געווען דער היפּוך פֿון איינגעאָרדנקייט און פּראַקטישקייט. נישט נאָר וואָס ער האָט זיין גוף אָפּגעזאָגט אפילו אַ טראָפּן עולם־הזהדיקייט, נאָר אויך געווען גלייכגילטיק צו דעם פּונק עולם־הבאדיקייט — צונויפֿזאַמלען זיינע לידער צווישן צווייי

טאָוולען. זיין ליד, ווי זיין לעבן, איז געווען אַן אָפּגעזונדערטע, אָפּגע־שלאָסענע וועלט.

✶

ישראל שטערן האָט זייער גוט באַנומען דעם פּאָעטישן סוד פון צימצום, פון מועט המחזיק את המרובה. דעריבער איז ער געווען אַזוי קאַרג ביים שאַפן. ער האָט דערפאַר געדעקט דעם כמות מיט איכות. ריכטיק האָט אַ קריטיקער באַמערקט, אַז ניט נאָר מיקעל אַנדזשעלאָס גרויסע דוד־סקולפּטור פּילט אויס אַזאַ ריזיקן רוים, דאָס טוט אויך באַטיטשעלים קליינער דוד.

מיט דער מאָס גיי איך צו צו ישראל שטערנס קליינער צאָל לידער און עסייען, וואָס די מ. ל. שטיין־ביבליאָטעק האָט אַרויסגעגעבן אין 1955.

ה. לייוויק, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויפזאַמלונג, שרייבט דאָרט אין זיין אַריינפיר־וואָרט, אַז ער נעמט אַריין כמעט אַלץ וואָס שטערן האָט פאַרעפנטלעכט פון אַן ערך 1919 ביז זיין אומקום. אָבער לייוויק גופא באַטאָנט אַז „די שעפערישע ווערטפולקייט פון ישראל שטערנס וואָרט, דער הויפּט פון זיין ליד, האָט אונדז אָנגעפילט מיט זאָרג פאַר יעדן ליד זיינעם — אויסצוגעפינען עס. אָבער מיר זענען אויך איצט נישט אין גאַנצן זיכער צי אַלע לידער און אַלע עסייען, וואָס ישראל שטערן האָט אָפּגעדרוקט, זענען אויפגעזוכט געוואָרן“.

✶

ישראל שטערן איז געווען אַ טראַגישער פּאָעט. צי איז ער געווען אומ־גליקלעך? לויט אונדזערע מאָסן — יאָ! און דאָך לאָזט זיך די מאָס נישט אָנווענדן לגבי דעם דיכטער וואָס שרייבט: „מיר ווילן זיין גענוג אומגליק־לעך כדי זיך צו פרייען מיט דעם שפּאַציר־גאַנג דורך דער וועלט ווי אַ סוד צווישן סודות“.

ער איז טאַקע אַרומגעגאַנגען אין אונדזער וועלט ווי אַ „סוד צווישן סודות“, ווי אַן אורח — אַ למד־וואָווניק.

זיין שפּאַצירגאַנג האָט זיך אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט אין וואַרשעווער געטאָ בעתן „שוואַרצן רעגן“, ווען ער איז אויסגעגאַנגען און פאַרגאַנגען אין אַ לעגענדע, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן שפּינען ביי זיין לעבן.